1

ב"ה יום ה' בה["]ב [בהר בחוקותי] תשי

כבוד ידידי הרב החסיד ה["]ר צבי יעקב אברהם נ"י

מכתבו הגיעני ואודיעהו כי בינתיים מ"ר [מורנו רבי] ברוך שיבער עלה לאה"ק [לארץ הקודש] וקשה למצא אנשים שיוכלו לעסוק בדבר כתיבת ספורים. בכל זאת, אשתדל להותענין [=להתענין] בזה. ועתה הרני שולח לו כמה ספורים ונא לאשר קבלתם. ובעזהשי"ת [ובעזרת השם יתברך] עוד אשלח לו. ידידו["]ש [ידידו דורש שלומו] המברכו בכט["]ס [בכל טוב סלה] והרמ["]ק כב"י [והרמת קרן כבוד/כל בית ישראל]. יצחק במוהר"ר שלום יוסף

2

ב"ה

דעם ספור המעשה מעשה נורא וואס האב גיהיירט פון אַ יודען וואָס ער אז גיווהיין א חסיד פון הה"צ אדמו"ר ה"ר אהרן מקארלין זללה"ה וזי"ע ועכ"י - אין דער יוד האט גיהערט דעם ספור המעשה פון הה"צ אדמו"ר ה"ר נחום דוב בן ה"צ ר' שלום יוסף דער היידים פון הה"צ אדמו"ר ר' אברהם יעקב מסאדיגערע זי"ע דעם ספור המעשה האט הר"צ דערציילט אחר קדוש לבנה אין ווילנא אשטאט אין דער ליטא האט גיוואוינט א גביר וועלכער ער האט גיהאט אַ בת יחידה וועלכע איז ר"ל בלינד גיווארין דער גביר האט פארצירט בא די דאקטורים פיעל געלד אין עס האט ניט גיהאלפין - אין דער צייט פלייג אריין קומען צו דעם גביר אַ מלמד וועלכער איז גיווהיין פון דעם קאנט פון סאדאגערע און דעמאלס איז אדמו"ר הרה"צ מרוזין שוין גיזעסין אין סאדאערי האט דער מלמד גיוויסט פון דעם אומגליק פון דער טאכטער האט דער מלמד גיזאקט ציא דער מוטער פון דער טאכטער פאלגט מיך פאָרט קיין סאדאגערע דארטין איז דא הצדיק דער רוזינער וועלכער[?] מיט[?] גאטס הילף אַז אייער טאכטיר וועט האבין אַ רפואה דיא מוטער האט דוס דער הארט האט זיא אָן גהויבען ציא דער קיטשען דעם מאַן ער זאהל פארין צו דעם רוזינער זללה"ה וזי"ע ועכ"י דער ליטוואק איז דאך גיווהיין אַ מתנגד האט ער ניט גיוואלט היירין דער פון - אין האט גיזאקט איך בין שוין גיווהיין בא געניג כשוף מאכירוס ווילסטו נאך פארין איינער אויך. האביר דער גשטייגיר פון דיא פראין איז דוך זאלהין דער קוטשין. פלייג זי אים שטארק דער קוטשין האלע טאג ביז ער איז מוסכם גיווארין ציא פארין קיין סאדיגערי זייער א ווייטיר וויג פון ווילנא ביז קיין סדיגארי האט ער גיהייסין שפאנין א וואגין מיט גוטע פיירד אין איז גיקומען קיין סאדיגערע אין איז קומען אין אויף אריין דער רוזינער זללה"ה האט דער פיעלט ברוח קדשו אַז עס גיקומען אליטוואק האט דער רוזינער זללה"ה באפוילין אַז מיא זאהל אם ניט אריין לאזין - דער ליטוואק האט גיהיירט מיא דער ציילט מופתים גייט ער צו צוא דעם גבאי אין זאקט אש ער וויל אריין גיהיין צום רבין זאקט דער גבאי באלד - שפייטיר ער האט אם מדחה גיווהיין. דער לוטוואק זיצט אפ עטלעכע שעה ער זייט מיא לאזט אים ניט אריין גייט ער קיריק אויף דער סטאנציע און קלאג זיך פאר דאר מענטשען פאר וואס מיא לאזט אם ניט אריין יעדערער גייט אריין אין ער ניט

3

זאגין אים דיא מענטשען געוויס זענט איר נאך ניט גיווהיין בא קיין רבין ווייסט איר ניט אַז מיא דארף גיבין דעם גבאי א גוטע מטבע וועט ער אייך אריין לאזין. אזוי זאקט ער אין גייט קוריק אין אויף אריין אין זאקט דער גבאי איך גיב אייך 3 רובעל אין לאזט מיך אריין זאקט אים דער גבאי דאס קען ניט זיין נור איין עצה קען איך אייך גיבין האט שטייעט דעם רבינס אקינד גיט אים אַ רובעל וועט אריין גייען צו דעם פאטער וועט ער פועלין אז מי זאהל אייך אריין לאזין דוס קינד האט גינעמען דאס געלט אין איז גיגאנגין זאגין דעם פאטער טאטינו לאז אריין דעם לוטוואק פרייגט אים דער פאטיר וואז באדארפשטו אים ע[נ]טפערט

דוס קינד איך האב בא אים גינעמען אַ רובעל אזוי זאקט דער רוזינער זללה"ה אויב אזוי לאָז אים אריין האט דוס קינד געזאקט דעם גבאי לאזט אים אריין. האט דער לוטוואק גימאכט אקוויטעל אין איז אריין גיקומען אין גיט דוס קוויטיל אין דעם פדיון נפש זאקט אם דער רוזינער איך קען אייך ניט פראוועַן. זאקט דער לוטוואק פאר וואס איך זייע דאך אַז האלע יודען פראוויט איר יא וואָס זשע איך בין ניט קיין יוד מיין געלד איז ניט קיין געלד זאקט אם דער רוזינער זללה"ה מיט וואס פאר כח פראווין מיר אַ יודען מיט דעם כח פון אמונה ער גלייבט אַז מיר זענין מתפלל פאר דעם רבש"ע אין דער רבש"ע עלפט האבער איר זענט דאך גקומען אַ ער מיט איין האנדיר כח מיט כח פין כשוף דוס קענין מיר ניט זאקט דער לוטוואק ער אויס רבי אויב איר וועט מיך פראוון וועל איך זאגין אז עס איז דא אַגאט אויף דער וועלט אין עס איז דא ארוזינער אויב ניט וועל איך זעגין פארקיירט ר"ל וח"ו אויב אזוי האט געענטפערט דער רוזינער זלה"ה באדארף מען זיך מקדש השם זיין אין זאקט דעם לוטוואק גלייבט מיר אַז איך קען אייך גאָר ניט העלפין נור איין עצה קען איך גיבין. פארט קיין יאס אין גייט אין שול אויף דארטין שטייט איין יוד אין פארקויפט בייגיל. נאך א סימן וועל איך אייך גיבין ער האט אויף דער רעכטער האנד 6 פינגיר זאלט איר אים זאגין אַז איך האב אייך גישקט צו אים אַז ער זאהל אייך העלפין אייער טאכטער אין אַז השי"ת וועט העלפין זאלט איר מיר בריינגין פין יאס אַ וואגין מיט פיירד דער לוטוואק איז אוועק קיין יאס. איז ווירקליך גיקומען אין האט גיטראפין דעם יודען אין זאקט אים דער רוזינער זללה"ה האט מיך גישיקט צוא אייך איר זאלט מיר העלפין מיין טאכטער. אוי האט א קרעכטץ גיטאן דער יוד אין האט גיזאקט

4

וואס וויל ער האבין פון מיר ערשט ניט לאָנג האט ער מיך גישיקט צוא ניקאלייען דעם קייסר אין יעצט האט ער אָן גישיקט אַ לוטוואק אויף מיין קאפ דער לוטוואק נעמט אוואגין אין זאקט דעם יודען ער זאהל זיך מיט אים אוף זעצין צוא פארין צוא אים אין האטעל וויא דיא טאכטער איז זאקט דער יוד פארט איר איך וועל שוין זיין באַ אייך פארט דער לוטוואק אוועק אין קימט איים. לויפט אים שוין אקייגין דיא טאכטיר אין זאגקט טאטו ערשט איז גיווהיין בא מיר אַ יוד אין האט מיר גיגיבין אַ שטיקיל בייגיל איך האב אויף גיגעסין דעם בייגיל בין איך זייען דיק גיווארין איך זייע שוין גיט אויף דיא אויגען. וויא איז דער יוד ער איז אוועק מיט דיא בייגעל דער לוטוואק לויפט אין שול אויף ער זאהל אים אפ דאנקין האבער ער האט אים שוין ניט גיפינין דוס איז גיווהיין אַ נסתר פון די לו צדיקים אזוי האט דער לוטוואק גיקויפט אפאָר גוטע פערד מיט אגוטין פײַטאן אין איז גיפארין קיין סאדיגערע ציא דעם רוזינער זללה"ה זי"ע ועכ"י

א סיפור וואס איך האב גיהארט פון אדמו"ר מבאהוש הה"צ ר' מנחם מענדיל זללה"ה ועכ"י פון אדמו"ר הה"צ מור"ה ה' מרדכי מטשערנאביל זלה"ה זי"ע ועכ"י צו הה"צ הנ"ל איז אמאהל גיקומען א פראסטור יוד אַ רינדאר אין האט זיך שטארק גיפרייעט מיט דיא חסידים הגדולים האבין זייע אים גיפרייגט וואס פרייט דיך אזוי וואָס פאר אַ תורה האסטו גיהיירט וואס האסטו זיך אָפ גילייירינט פון רבין. זאקט ער אַז האב מיך גיפראוויט באם רבין האט ער מיך גיפרייגט וויא אזוי איך בין מיך נוהג אין דארף זאג איך. איך שטייע אויף פארטאג לויף איך אוף דעם דאָרף זיך פרנסה ביז 11-10 אזייגיר נאך דעם קים אהיים אין דאווין אין העס זאקט מיר דער רבי דאָס היירשטו דאווינט מען זאג איך אים דער רבי ווייסט ניט אין מסחר אַז איך וועל גייען שפייטיר וועט דער ערל אוועק גייען יעניר ערל וועט אוועק גייען וועל שוין גאר ניט גיפונין קונים אין דרהיים. זאקט מיר דער רבי איך וועל דיר דער ציילין אמעשה אגבירישע איידים איז גיווארין ר"ל אַ יורד איין היידליר יונגירמאן איז ער אוועק וואט פון דער היים אין איז גיווארין אַ מלמד אין האט זיך אפ גיזאמט העטליכע יאהר אין גימאכט העטליך טויזינט קערבליך האט ער אליס גיביבטן[? געביטן?] אוף גאלד האט גימאכט פי[ל] פעקליך גאלד נור איין מטבע אַ קופערני איז אים גיבליבין מען[?] האט דוס גירופין אין רוסלאנד פיאטאק אוף דעם וייג האט ער גידארפט האלטען שבת אין ווייג איז אָן גומין העטליכע קילאמעטיר פון זיין שטייטיל אין האט ניט גיקאנט אָן צוען עס איז שוין גיווין פאר זין זעצין זיך האט גיקלארט וויימין גיט דאָס בהאלטין דעם רענדיר פון דארף האט ער מורא ער ציטירט האלטין שבת

בא זיך איז ער דוך איין הערליכער יונגיר מאן ער האט מסכים גיווהיין צוא גיבין דעם רינדאר האט דוס נור אוויק גיגיבין האט ער ניט גיקאנט איבער טראגין ביז מוצ"ש דער רונדאר האט דערקענט אז דער מענטש האלט דוס ניט אויס האט ער מקצר גיווהיין באם שלש {סועדות} [סעודות] אין גימאכט גיך הבדלה אין האט אויך[?] אווארף גיטאָן דאס פעקיל ער ציילט איבער ער זייט דאס גאלד איז דא זוכט ער ניט[?] די קופורנו מטבע אוך[?] זאקט ה' מאטאלי טשענאבילער דיא נשמה איז גאלד אַז מי גיט זיא דיר אפ מייקסטו זיך ניט זיכין מאגסט גיטראייען[?] דעם רבש"ע זיע ועכ"י

5

דעם ספור המעשה וואס איך האב גיהיירט מפה קדוש אדמו"ר הה"צ מריש"י [=ישראל שלום יוסף מבאהש זלה"ה זי"ע ועכי"א. עס איז בעוויסט אַז אדמו"ר הה"צ ה' אברהם זי"ע ועכ"י בן הה"צ אדמו"ר המגיד הגדול ממעזריטש זלה"ה וזי"ע ועכ"י הנקרא בפי כל ה' אברהם המלאך איז גיווהיין דער היידים פין אדמו"ר הה"צ ה' פייבישיל מקרעמינץ זלה"ה וזי"ע ועכ"י ווען ער איז גיזעסין אויף קעסט האט ער אמהאל אוף וואכין טאג צו נוף גירופין זיין מנין אין האט גיהייסין אפ שפארין דיא טורין אין האט אָן גיזאקט אַז וויא פיעל מיא וועט קלאפין אין טירעין זאהל מען ניט העפינין. אין האט גיהייסין זאגין הלל וויא נאהר מיא האט אָן גיהויבין זאגין הלל האט מען אן גיהויבון קלאפין אין דיא טוערין אין מע האט גישריגין עס ברענט האביר מע האט ניט גיהעפינט ביז מיא האט גיענדיקט דעם הלל אז מיא האט גיעפינט דיא טירען אין מען איז ארויס אין גאס האט מען גזייהען אַז דער קלויסטער וואָס עס גיווהיין אוף דער נאהנט פום זיין שטוב האט אין אין גאנצין אפ גיברענט.

דעם ספור האב אייך גיהיירט פין אדמו"ר הה"צ הנ"ל זי"ע ועכ"י. אדמו"ר הרה"צ מרוזין זי"ע ועכ"י האט גיהאט דעם בכור אדמו"ר הרה"צ הר' שלום יוסף זלה"ה זי"ע ועכ"י איז גיווהיין אַ היידים בא אדמו"ר הה"צ ה' דן זללה"ה בן לאדמו"ר הה"צ הר' יצחק מראדיוויל. איז הה"צ הר' שלום יוסף גזעסין אויף קעסט באַ הה"צ הר' יצחק מראדיוויל אמאהל איז הה"צ ה' יצחק זלה"ה צו גיקומען ציא הה"צ ה' שלום יוסף זלה"ה אין האט אים גיפרייגט מיין קינד פאר וואס לייירנט קיין שיחות חית ועופות האט הה"צ ה' שלום יוסף זללה"ה גיענטפירט איך קען דוס ניט טוען וואל איך האב מורא עס זאהל מיר ניט איבער שלאגין דיא עבודת הבורא האט בן הה"צ ה שלום יוסף אדמו"ר הה"צ ה' יצחק מבאהוש זללה"ה וואס ער האט גיהיירט דיא מעשה פין זיין פאטיר האט גיזאקט אַז דער טאטי איז גיווהיין גירעכט אין האט אזוי גיזאקט נעכטין אין דער פריא איז צו גיקומען אפויגעל איז האט זיך גישטעלט אויף מיין פענסטער אין האט אזוי גיוויינט אַז עס האט מיר אויס גיריסין מיין הארץ האב דעמאלס גיזייען אז דער טאטי איז גיווהיין גירעכט זי"ע ועכ"י.

6

ב"ה שמעתי מהגביר הרה"ח אביגדור בן הרב מעיר אהריוו (באסראביע) שאביו הרב ז"ל סיפר לו אז בעת ווען אדמו"ר הקדוש אור ישראל מרוזען זצ"ל זי"ע ועכ"י איזט געקומען קיין קעשנוב איזט ער געקומען דורכין השתדלות פון הה"צ הק' מה"ר יוסף מראשקוב זצ"ל. דער ראשקיבער זי"ע האט גיזאגט אז דער תיקון פון באסראביע קאן אנדער[א?]ין ניִשט זיין נור אז הה"ק מרוזשין זאל קומען קיין באסאראביע. הה"צ מסאווראן איזט אבער גיווען געגין דעם אין היות הרב מאהריוו איזט געווען מחסידי סאווראן איזט ער נישט געפארין לקבל פני קדשו מהה"צ מרוזען זי"ע. אמנם נאכדעם וואס הה"צ מרוזען זי"ע איזט געווען בקעשניב 2 וואכען דעם לעצטין טאג ותפעם רוחו בקרבו איז ער געקומען לקבל פני קדשו הרוזשענער זי"ע איזט שוין גיוועהן פארנומען והרב האט נישט געקאנט רעדין אין זיך ענטשולדיגין כהוגן. הראשקיבער זי"ע וואַהר אידיד נאמן להרב מאהריוו האט גינעמין את הרב אוף דער קופעי (מרכבה) פונים רוזשינער זי"עביידע רבנים זענין גישטאנין אופין פעדעסטאַל מימין ומשמאל, אין אפפארינדיג א תחום שבת פון דער שטאט האט הה"צ הראשקיבער זי"ע געזאגט אַז הרב מאהריוו בעט

ענטשולדיגונג דער רבי זאל נישט מקפיד זיין אוף דעם וואס ער איז נישט אריין געקומען דיא גאנצע צייט... – הקפדה?- ריפט זיך אהן דער הייליגער רוזשינער – הקפדה? מעולם לא הקפדתי אוף אַ יודען נאר איינמאהל האב איך געהאט הקפדה אוף אַ יודען זעצט אייך ביידע רבנים וועל איך אייך דערציילין גופא דעובדא, זעט אויב איך האב רעכט גיהאט מקפיד ציא זיין אוף דעם יוד: אבי הה"ק זי"ע.. ערציילט הה"ק מריזשען זי"ע איז געפאהרין על ש"ק לעיר לעבין בארדיטשוב אינטערוועגס האט ער גידארפט מתקן זיין דעם וואגין. איז ער אין דער וויל זיך גיגאנגין שפאצירען האט איהם באגעגינט שם חוץ לעיר זיינער אַ חסיד ר' שמואל פירענדיג דיא קיא אין פעלד פייסין. אז ער האט גיזעהן לאבי ז"ל איזט ער תיכף אהיים גילאפין אין האט פארבערייט אַ צימער אין ציריק געקומען אין גיבייטין לאבי ז"ל ער זאל מיט איהם מיט געהן אהיים אבי ז"ל איזט גיגאנגין להחסיד הנ"ל – פראווינדיג האט זוגתו של החסיד שמואל זיך באקלאגט לאבי היות:

7

1) זיא ווייסט נישט פון קיין יו"ט – דען אללע יו"ט איזט בעלה ביים רבין 2) דיא פרנסהליידער איז זעהר שוואך נור דיא פרה וואס זייא האבין ציא ערנערין זיך בעלה איז מלמד... 3) היות שוין כמה וכמה שנים אין זייא האבין נישט קיין קינדער רח"ל

אבי ז"ל האט גיענפירט אז זיא זאל אוך קומען אוף יו"ט עם בעלה – זענין זייא געקומען אוף ר"ה אחר ר"ה האט זיא געוואלט אריינגיין זיך גיזעגינין האט ער נישט געלאזט היות זיין מנהג איז אז ערווארט אוף דעם רבין ווען ער פארשטייט איהם אב ציגיזעגינין – אזוא איזט דורך עשי"ת יו"כ סוכות אין אבי ז"ל האט זיי נישט אריינגערופען ביז חנוכה! אריינגענדיג זיך פראווין האט אבי ז"ל זייא גיגעבין א עפיל ובירך אותם זייא זאלין גיהאלפין ווערין בזש"ק. אשת שמואל האט וויטער גיוועגט לאבי היות דיע אללע תלמידים זענין שוין זיכער אוועק גיגאנגין וגם הפרה איזט פארקופט גיוואהרין – ולרש אין כל – האט אבי ז"ל גיגעבין לר' שמואל אַ מטבע ער זאל מיט דעם קויפין וואס עס וועט זיך מזדמן זיין זייא זענין אהיים גיפארין אין זייא האבין אנגיהויבין מצליח ציא זיין אין ציא געהן מעלה מעלה ביז ער איזט גיווארין א פודריאטשיק – אגרוסער עושר ער האט זיך געקויפט אַ דירה נאה אין בארדיטשוב – און עס וואהר בייא איהם תורה וגדולה במקום אחד – לאחי ז"ל קיין פראבישט איז ער נאך גיפאהרין אלי – איז ער שוין נישט געקומען: נאכמעהר אַ פאלקאווניק פון בארדיטשוב האט גידארפט קומען קיין רוזשען האט ער זיך מיעץ גיוועהן מיט איהם וויא ער קאן גוט איינשטעהן האט ער איהם גערעאטען ער זאל קומען ציא מיר – און דוקא אין דאווין שטיבעל וסיים הריזשנער זי"ע נוא פרעג איך אייך רבנים ציא האב איך גידארפט האבין הקפדה אוך דעם חסיד שמואל אז זיין גאנצע ישועה איז געוועהן דורך אבי ז"ל זאל ער מיר שיקען אזא ס"א רח"ל אין מיין קודש קדשים?? עכלהקוה"ט

8

ב"ה שמעתי מהרב הג' שלמה רייזמאן מ"ץ בעיר פאלטישען (מולדוא) ששמע מהמקורב הרה"ח ר' צבי שטערינבערג ע"ה איך אשר נסע עם כ"ק אדמו"ר ס"ק מטשארטקוב זי"ע לשאוב אויר צח באשכנז –

דער טשארטקובער רבי זי"ע איזט גיפארין קיין דייטשלאנד אין אַ געגינד וואס כמעט מען האט נישט דערקאנט אַ יוד. אזוי ווייט אז אפילו ציא דער פאסט האט דער גבאי נישט גיקאנט גייען – מען האט איהם בעווארפין מיט שטיינער – אין דער אכסניא וואס הרבי זי"ע איז גישטאנין וואהר דארט אַ יוד אַ דייטשלענדיר אַ אלטער מענטש, טאג טאגליך איז ער אופגישטאנין פארין רבין זיך גינייגט פיר איהם אין בעגריסט גוט מארגין מיט גרוס דרך ארץ – איינמאהל ווען דער זין דעם יודענס איזט אהיים גיקומען האט איהם דער פאטער גיזאגט "קים מיין זין וועסטיא זע[ה]ן דיא שטראלינדיגע צורה פון אַ געטליכען מאן לאמיר איהם באגריסען" דער זין דערזעהעדיג את פני קדשו של הה"צ מטשארטקוב זי"ע איז שטארק נתפעל גיוואהרין מיט גרוס בעגייסטערינג לויפט ער ציא צום רבין ז"ל אין ער חאפט אַ גאלדען ציגאר

פישקאלע אין וויל איבער גיבען אין אוועק שענקין לאדמו"ר זי"ע – אדמו"ר הק' וואס לא יאונה לצדיק כל און איזט שטארק ערשראקין גיווארין פלוצים זעהענדיג בעיני קדשו אדבר מוקצה בשבת איזט ער צוריק גישפרינגען ביראה ופחד אז נור דיא וואנד האט איהם פאר האלטען – דער דייטש האט גאר נישט פארשטאנין ביז דער גבאי האט איהם ציא פארשטעהן גיגעבין אַז עס איז מוקצה – ווען דער טשארטקובער זי"ע האט גיענדיגט דיא בעדיר איז ער גיפאהרין קיין סאדלקווא[?] אופין ציון נאכדעם האט זיך אדמו"ר הק' מוהר נחום דב זצ"ל זיך אינטערעסירט אוף פרטי התנהגות ומאורעות פונים טשארטקובער זי"ע וכאשר שמע המעשה מהדייטש הנ"ל האט ער ערציילט לחותנו הק' מסאדיגורע – זיצענדיג דיא צווייא צדיקים ביים טיש האט ער גיפרעגט דער סאדיגורער את הטשארט. דיא מעשה האט ער נישט געוואלט שמוסען כדי נישט מספר ציא זיין בגנות פון אַמענטש אז ער איז אַזוי ווייט פון יודישקייט – האט איהם גיפרעגט הסאדיגורער זי"ע הייליגער בריעדער ציא דיר קומען כמה וכמה אנשים מתקן זיין דעם חסרון אין אז דיא קיקסט נישט אין חסרון ווייסטי נישט מתקן ציא זיין? האט דער טשארט. ז"ל גיענפירט

9

אונז קיק מיר נישט דעם חסרון מיר זעהן אין בעטראכטין דעם ציא צום הטוב ממילא ווייס מיר שוין וואס מתקן ציא זיין עכלה"ט